ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of the Shluchim Office

ל' אדר א' תשס"ה

פרשת פקודי

טייערע קינדער שלוחים,
א גוטן ערב שבת און א גוטן חודש. ראש חדש
אדר ב' ברענגט אריין א נייע דרגה אין שמחה.
בכלל, איז אויך יעדער חודש דא דעם גאנצער ענין
פון דעם קומענדיקע חודש. פון דעם קומט אויס
אז ראש חדש אדר איז כולל אין זיך די גאנצע
שמחה פון חודש אדר. דער טאג איז א טאג צו
טראכטן אויף אלץ וואס מיר האבן און צו דאנקען
דעם אויבערשטן אויף דעם. און מיר אלס חסידים
– שלוחים, לאמיר זאגן לחיים און טאנצן – אז מיר
זיינען חסידים פון רבי'ן, און מיט דעם אריינטאנצן
אין גאולה נאו!!

איידלה וועכטער

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת פקודי

#### יום הקמת המשכן

**בחודש הראשון גו' באחד לחדש** (ניסן) **הוקם המשכן** - אין דעם טאג פון ראש חדש ניסן איז אויפגעשטעלט געווארן דעם משכן (צום ערשטן מאל).

פון ראש חדש ניסן הויבט מען דאך אן צוגרייטן זיך צו חג הפסח, דער יום טוב פון יציאת מצרים. איז פארשטאנדיק, אז דאס אויפשטעלן דעם משכן האט אויך א פארבונד מיט די צוגרייטונגען צום חג הפסח. און ווי מיר זעען, אז איינע פון די זאכן וואס אידן האבן צוגעגרייט נאך זייענדיק אין מצרים, איז געווען בויען דעם משכן.

ווי רש"י ברענגט אראפ אויפן פסוק "**ועשית את הקרשים גו'**", אז דער טעם פארוואס עס שטייט "הקרשים" מיט א ה"א הידיעה - די באוואוסטע קרשים - איז דערפאר וואס די קרשים זיינען געווען "**מאותן העומדין ומיוחדין לכך**" (די ספעציעלע קרשים וועלכע זיינען געווען צוגעגרייט דערצו). יעקב אבינו האט איינגעפלאנצט "ארזים", טענענביימער אין מצרים, און ווען ער איז געשטארבן האט ער אנגעזאגט זיינע קינדער אז ווען זיי גייען ארויס פון מצרים זאלן זיי מיטנעמען אט די ארזים -ביימער. ער האט זיי אויך געזאגט אז דער אויבערטער וועט זיי באפעלן צו בויען אין מדבר א משכן פון "עצי שטים" - "זעט אז זיי זאלן זיין אנגעגרייט אין אייערע הענט".

די אפלערנונג דערפון פאר אונז: נאך דעם פסוק "**ועשו לי משכן ושכנתי בתוכם**" (זיי זאלן מאכן פאר מיר א משכן און איך וועל רוען אין זיי ) שטייט אין פסוק "**וכן תעשו**" - אז אזוי זאלט איר מאכן פאר אלע דורות, דאס מיינט אז די אלע בתי מקדש וואס אידן וועלן אמאל בויען דארפן זיין ענלעך צו דעם משכן.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז פונקט ווי אידן, נאך זייענדיק אין מצרים, האבן זיך צוגעגרייט צו בויען דעם משכן נאך דעם ווי זיי וועלן ארויסגיין פון מצרים, אזוי דארף מען זיך

(המשך אין עמוד 2)

## דערציילט מיר א מעשה

הר' משה העכט, דער ערשטער שליח אין ניו הייוון האט איינמאל געדארפט 100,000 דאלער פאר זיין ישיבה. הר' העכט האט געטראכט פון אן עצה. ער וועט געפינען 100 "פריינט" וואס יעדער פון זיי וועט געבן 1,000 דאלער, און אזוי וועט ער האבן וואס ער דארף. ער האט אריינגעשריבן זיין עצה צו דער רבי.

דער רבי האט אים געענטפערט מיט זיין ברכה און האט געשריבן "פון איין 'פריינט' האסטו נאך ניט באקומען 1,000 דאלער. זיין נאמען איז... (און דער רבי האט געשריבן זיין נאמען)." און מיט דער בריוו איז געווען א טשעק פון 1,000 דאלער!!

*דער רבי נעמט אלעמאל א גרויסע אייטנטייל אין די ארבעט פון זיינע שלוחים. אמאל אין אנדערע וועגן, אבער מען קען זיין זיכער אז אין יעדער גוטע זאך וואס מען טוט, טוט דער רבי מיט אונז.*

# דעם חסידיש'ן לוח

## ט אדר ב' ת"ש



*חיים קוועטשט ברוך'ס האנט. "קען עס טאקע זיין? קען עס זיין אז דער רבי קומט ענדליך אין אמעריקא? אזוי לאנג האבן מיר געווארט דא אליין אן א נשיא...איך קען דאס כמעט ניט גלויבן ...."*

*"חיים! איך זעה דער שיף. חיים! קוק, אט איז דער רבי! 'ברוך אתה ה' ......שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה'."*

אזוי האבן געפילט חסידים וואס זיינען געווען לעבן די שיף וואס האט געברענגט דער פריערדיקע רבי ט' אדר, ת"ש אין ניו יארק.

ווען דער פריערדיקע רבי איז געקומען אין אמעריקא אין יאר תרפ"ט אויף א באזוך, איז ער אנגענומען געווארן אין יעדער שטאט וואס ער האט באזוכט דורך טויזנטע אידן. די חסידים זיינען געווען אזוי צופרידן אז דער רבי איז געקומען און האבן ניט געוואלט אז ער זאל אוועקגיין. זיי האבן מורא געהאט אז זייער אידישקייט וועט ווערן שוואך אויב דער רבי וועט אוועקגיין פון זיי.

אבער דער פריערדיקע רבי האט געזאגט אז עס איז נאך ניט געקומען דער צייט פאר אים צו זיין אין אמעריקא. ערשט מוז זיין א תומכי תמימים, האט דער רבי געזאגט.

אין תרצ"ט האט דער פריערדיקע רבי'ס סעקראטאר הר' יחזקאל פייגין הי"ד געשריבן צו הר' ישראל יעקבסאהן, וואס ער איז געווען די הויפט פון אגודת חסידי חב"ד אין אמעריקא, אז דער רבי בעט אז מען זאל אנהויבן קריגן די וויזעס ארויסצולאזן דער פריעדיקע רבי פון אייראפע.

עס איז ניט געווען אזוי גרינג, אבער מען האט באקומען די פאפירן. דערווייל אבער האט זיך דער מלחמה אויסגעבראכן, און עס איז ניט געווען אזוי גרינג פאר דער פריערדיקע רבי ארויסצוקומען. ווען מען האט געוואלט שיקן די פאפירן צו דער פריערדיקע רבי האט מען ניט געוואוסט וואו אים צו געפינען, ווייל דער פריערדיקע רבי האט זיך באהאלטן צוזאמען מיט זיין משפחה אין הויז פון הר' צבי הירש גורארי'. ענדליך האט מען אים געפונען און געגעבן די פאפירן אבער די שוועריקייטן האבן זיך ניט געענדיקט.

ווען מען האט געדארפט ברענגען דער פריערדיקע רבי דורך דייטשלאנד האט מען זייער מורא געהאט פון דער דייטשע סאלדאטן. איינער האט געטראכט פון א קלוגע עצה. די אפיצירן וואס זיינען געווען מיט דער רבי'ס משפחה האבן זיך געמאכט כאילו זיי נעמען דער רבי און זיין משפחה צו בערלין צו פרעגן זיי שאלות. אזוי וועלן זיי דער דייטשע סאלדאטן לאזן דורכגיין.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אין ריגע האט ער געווארט נאך 11 וואכן ביז מען האט געקראגן אלע פאפירן, און דער פריערדיקע רבי'ס געזונט איז בעסער געווארן. נאכדעם, איז ער גפליען צו שטאקהאלם, שוועדן. פון דארטן איז מען געפארן אויף א שיף און אנגעקומען אין ניו יארק מאנטאג ח' אדר ב'. מען האט ניט געלאזט די מענטשן אראפגיין ווייל מען איז אנגעקומען נאך פיר אזייגער נאך מיטטאג.

צו מארגנס ט' אדר ב' ת"ש האט דער פריערדיקע רבי אנגעהויבן זיין לעבן אין ניו יארק.

הר' יעקבסאהן איז ארויפגעקומען אויפן שיף און דער רבי האט אים געהייסן זאגן מיט אלעמען "ברוך מחי' מתים."

ווען אלע האבן געזען דער רבי, האט דער חזן געזונגען "ברוך מחי' המתים" און אלע האבן געזאגט "שלום עליכם, שהחיינו, מחי' המתים"

דער רבי האט געזאגט ברכת הגומל און הטוב והמטיב..

דער פריערדיקע רבי האט געזאגט קלאר און דייטלאך אז ער וויל גלייך אנהויבן א ישיבה תומכי תמימים. עטליכע רבנים פון אמעריקא האבן געזאגט דעם רבי'ן ניט צו טאן אזא זאך ווייל עס וועט סיי ווי ניט האבן א קיום. דער רבי האט אבער ניט צוגעהערט און געקלערט "אמעריקא איז ניט אנדערש!", און ער האט געזאגט פאר ר' יעקבסאן אז ער וועט ניט גיין שלאפן ביז עס וועלן זיין א מנין פון בחורים וואס וועלן זיצן און לערנען .יענע נאכט האט מען איינגעזאמלט צען בחורים וואס זיינען געווען די ערשטע תלמידים פון ישיבת תומכי תמימים ליובאוויטש אין אמעריקא.

אין חודש אלול האט מען געקויפט פארן רבי'ן 770 און ווען ער איז אריינגעקומען האט ער געזאגט "זאל דער אויבערשטער העלפן אז דאס זאל זיין א פלאץ פאר תורה און לערנען אויף אייביק און א פלאץ אויף לעבן נאר אויף א ווילע ווייל מען וועט גלייך אריבערגיין צו ירושלים מיט משיח!"

*זאל עס שוין זיין יעצט!*

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

גרייטן אין דעם איצטיקן גלות, און ספעציעל אין טאג פון ראש חדש ניסן (ווען "הוקם המשכן") - צו דעם בנין בית המקדש השלישי, וואס וועט געבויט ווערן ארויסגייענדיק פון דעם גלות.

און די צוגרייטונג צום בית המקדש השלישי איז דורך דעם וואס נאך אין דער צייט פון גלות וועלן די עלטערן און די קינדער מאכן פון זייערע אייגענע היימען - א היים אויף וועלכער דער אויבערשטער זאגט "ושכנתי בתוכם", ער רוט אין דער היים, וויבאלד דאס איז א היים וואס פירט זיך ווי דער אויבערשטער וויל, ס'איז אן אמת אידישע היים.

און בשעת די אויפפירונג פון די קינדער, מיט דער גאנצער משפחה, איז אין אן אופן אז זיי מאכן פון זייער הויז א משכן, אז אויף דער הויז זאגט דער אויבערשטער "ושכנתי בתוכם" – ווערט דאס די צוגרייטונג צו "וכן תעשו" - די צוגרייטונג צו דעם בית המקדש השלישי.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - ר"ח ניסן תש"מ)*

## משיח נאו!!

"חנה! קום דא. איך דארף דיין הילף!"

"איך קום!" זאגט חנה "אבער איך וויל פארשטיין פארוואס דו דארפסט אזוי פיל הילף היינט?"

"חנה, היינט איז ערב שבת און ערב שבת איז פאראן אסאך ארבעט!"

דער פריערדיקע רבי זאגט אז מיר זיינען יעצט אין די צייט פון ערב שבת - ערב הגאולה און דערפאר דארף מען זיך שטארקן אין אונזער עבודה צו ברענגען גאולה, ווייל ערב שבת איז דא א סך צו טאן!

## ראש חודש אדר ב'

## פרייטאג און יום שבת קודש

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ה' אדר ב', און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)

# שאלות—פרשת פקודי

1. פון וואנען האבן די אידן געהאט ביימער אין מדבר צו בויען די קרשים?______
______________________________________________

2. וואס לערנען מיר פון דעם?______________________________

3. וואס מיינט "ושכנתי בתוכם"?__________________________

4. ווען איז דער פריערדיקע רבי געקומען אויף א לאנגע באזוך אין אמעריקא?___
______________________

5. ווען איז ער אנגעקומען אין אמעריקא צו וואוינען?__________________

6. וואס האט ער געוואלט טאן גלייך ווען ער איז אנגעקומען?____________

7. וואס האט ער געמיינט מיט די ווערטער "אמעריקע איז ניט אנדערש"?_____
______________________________________________

8. ווען האט מען טאקע אויפגעשטעלט די ערשטע ישיבת תומכי תמימים אין ניו יארק?__________________________

9. צו וואס האט דער פריערדיקע רבי געגליכן די צייט וואס מיר לעבן יעצט?___
______________________________________________

10. וואס לערנען מיר פון דעם?______________________________

**דער געווינער פון פרשת ויקהל איז: <u>מושקא שטיפל, 7</u>**

נאמען: ____________________ ווי אלט: ____

אדרעס:______________________________

אי-מייל: ______________________________

# הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org